# פארמיידן ציווילע געלט שטראפן פאר געוויסע ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט פארלעצונגען: א וועגווייזער פאר רעסטוראנטן אויף וויאזוי "אויסצוהיילן" געוויסע פארלעצונגען

ביטע באמערקט אז עס איז דא צו באקומען איבערגעזעצטע ווערסיעס פון דעם דאקומענט אנליין פאר אייך צו איבערקוקן. צו אויסהיילן פארלעצונגען, ביטע פולט אויס די בויגנס אין ענגליש.

געוויסע פארלעצונגען וועלכע ווערן געגעבן פאר ביזנעסער נאכ'ן פארלעצן דאס ערשטע מאל דורך די ניו יארק סיטי אפטיילונג פון געזונטהייט און גייסטישע ריינקייט (ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט) קענען ווערן "אויסגעהיילט". צו אויסהיילן א פארלעצונג, מוז א ביזנעס פאררעכטן די פראבלעם פאר וועלכע זיי האבן באקומען א סאמענס און אריינגעבן באווייז פאר די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט. אויב די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט באשליסט אז די ביזנעס האט פאררעכטן די פראבלעם, וועלן ציווילע געלט שטראפן (קנסים) נישט געשטעלט ווערן אויף די ביזנעס.

**וועלכע פארלעצונגען קענען ווערן אויסגעהיילט?**
די פארלעצונגען וועלכע ווערן אויסגערעכנט אין די טאוול אין דעם דאקומענט קענען ווערן אויסגעהיילט.

**וואס איז אן ערשט-מאליגע פארלעצונג?**
אן ערשט-מאליגע פארלעצונג איז א פארלעצונג וואס איז:

- געמאכט געווארן אויף אדער נאך מערץ 6, 2023.
- נאכנישט אריין אין קראפט אדער איז נישט געשטיצט געווארן אדער איז אפגעלאזט געווארן דורך די ניו יארק סיטי אפיס פון אדמיניסטראטיווע געריכטן און הירינגס ( NYC Office of Administrative Trials and Hearings, OATH)

**וואס דארף איך אריינגעבן כדי צו אויסהיילן א פארלעצונג?**
פולט אויס די באשטעטיגונג בויגן און געבט אריין באווייז פון פאררעכטן אייער ערשט-מאליגע פארלעצונג נישט שפעטער ווי **זיבן טעג אויפ'ן לוח** נאך די דאטום פון די איבערקוק (וואס שטייט געשריבן אויף אייער סאמענס). אויב אייער פארלעצונג איז אז איר האט נישט ריכטיג אויפגעהאנגען די 'ארבעטספלאץ פריי-פון-רייכערן לופט פאליסי', מוז אייער באווייז פון דאס פאררעכטן ווערן אריינגעגעבן ביז **30 טעג אויפ'ן לוח** פון נאך די איבערקוק.

**וואו געב איך אריין מיין באשטעטיגונג בויגן?**
איר קען שיקן אייער באשטעטיגונג בויגן דורך אימעיל אדער עס ברענגען פערזענליך. זעט די קומענדיגע טיילן פון דעם דאקומענט פאר איינצלהייטן.

**וויאזוי וועל איך וויסן אויב די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט האט אנגענומען מיין באווייז און עס וועלן נישט זיין קיין געלט שטראפן?**
די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט וועט אייך לאזן וויסן אין א בריוו אויב אייער באשטעטיגונג איז אנגענומען געווארן און די פארלעצונג איז אויסגעהיילט. די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט וועט אויך לאזן וויסן פאר OATH אז די פארלעצונג איז אויסגעהיילט געווארן און אז עס זענען נישט דא קיין געלט שטראפן.

אויב די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט זאגט אפ אייער באווייז, קענט איר אפעלירן צום OATH.

**וועט אויסהיילן א פארלעצונג טוישן די איבערקוק צייכן אדער אות צייכן פאר רעסטאראנטן?**
ניין, עס פאררעכטן וועט נישט טוישן אן איבערקוק צייכן אדער אן אות צייכן. אויסהיילן מיינט אז איר זענט מודה און איר נעמט אן די פארלעצונג. איינמאל א פארלעצונג ווערט אנגענומען אלץ אויסגעהיילט דורך די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט, קענט איר מער נישט קעגנשטעלן די פארלעצונג דורך OATH.

**וואס איז די בענעפיט פון אויסהיילן א פארלעצונג אויב עס בלייבט אויף אייער רעקארד?**
איר וועט נישט דארפן צאלן געלט פאר אן ערשט-מאליגע פארלעצונג.

**וועלכע פארלעצונגען קענען ווערן אויסגעהיילט פאר רעסטאראנטן?**
די פאלגנדע טאוול ווייזט וועלכע פארלעצונגען קענען ווערן אויסגעהיילט פאר רעסטאראנטן:

| פארלעצונג קאוד | טייל פון געזעץ וואס איז פארלעצט געווארן | שילדערונג |
|---|---|---|
| 03E | NYCHC 81.20(a) | בכלל נישט צוגעשטעלט אדער נישט צוגעשטעלט גענוג ריינע וואסער אויף צו טרינקען |
| 03E | NYCHC 81.20(a) | ריינע טרינקען וואסער און נישט ריינע וואסער איז נישט גענוג אפגעטיילט |
| 04F | NYCHC 81.20(b) | צוגרייטונג פון עסן, אוועקלייגונג פון עסן, אדער אנדערע ארט איז געווארן שמוציג פון שמוציגע וואסער אדער אנדערע רינעדיגע שמוץ |
| 05A | NYCHC 81.20(b) | טאנק צו האלטן שמוציגע וואסער און אנדערע רינעדיגע שמוץ איז בכלל נישט צוגעשטעלט געווארן, נישט גענוג צוגעשטעלט געווארן אדער נישט בארעכטיגט |
| 08B | NYCHC 81.24(a) | מיסט קעסטלעך נישט באשיצט קעגן קריכעדיגע באשעפענישן אדער קעגן וואסער; נישט באדעקט מיט שטארקע דעקלעך |
| 08B | NYCHC 81.24(c) | מיסט קעסטלעך און דעקלעך נישט גערייניגט נאכ'ן אויסליידיגן און איידער'ן נוצן נאכאמאל |
| 09C | NYCHC 81.17(d)(1) | פלאץ וואס רירט אן עסן איז נישט ריכטיג געבויעט געווארן און אנגעהאלטן געווארן; שווער צו רייניגן |
| 10B | NYCHC 81.20(b) | ווארפט נישט ריכטיג אוועק שמוציגע וואסער אדער אנדערע רינעדיגע שמוץ |
| 10B | NYCHC 81.20(a) | ריינע טרינקען וואסער איז נישט באשיצט פון וואסער וואס רינט צוריק, רינט אראפ אדער האט פארבינדונג מיט אנדערע וואסערן |
| 10C | NYCHC 81.19(a) | נישט גענוג לעכטיג; נישט פאסיגע לעקטער |
| 10F | NYCHC 81.17(e)(1) | ערד: נישט געמאכט פון פאסיגע מאטריאל, נישט גוט אנגעהאלטן אדער נישט ריין |
| 10F | NYCHC 81.17(e)(2) | ערטער וואס רירן נישט אן עסן (וואנט, דאך): נישט געמאכט פון פאסיגע מאטריאל, נישט גוט אנגעהאלטן אדער נישט ריין |
| 10F | NYCHC 81.17(e)(3) | ערטער וואס רירן נישט אן עסן (געצייג, לעקטער, באצירונגען, לופט בלאזערס, אדג.) נישט ריין אדער ארבעט נישט |
| 15-37 | אדמינ. קאוד 17-504(f) | ארבעטספלאץ SFAA פאליסי נישט קלאר אויפגעהאנגען אינעם ארבעטספלאץ |
| 16-02 | NYCHC 81.08(c) | קלעבערס פון די נוטרישענעל פאקטן און/אדער פון באשטאנדטיילן ווערן נישט געהאלטן אויפ'ן ארט |
| 16-11 | אדמינ. קאוד 17-199.11(b) | פארבאטענע געטראנק איז געשריבן אויף די מעניו פון די קינדער'ס מאלצייט |

| פארלעצונג קאוד | טייל פון געזעץ וואס איז פארלעצט געווארן | שילדערונג |
|---|---|---|
| 20-04 | אדמינ. קאוד 17-173(2)(b) | נישט אויפגעהאנגן א שילד איבער אלקאהאל באנוץ אין שוואנגערשאפט |
| 20-08 | אדמינ. קאוד 17-1507(a) | נישט אויפגעהאנגען אדער נישט קלאר אויפגעהאנגען אינפארמאציע איבער עסן געזונט |

**וויאזוי זאלן רעסטוראנטן אריינגעבן זייער באשטעטיגונג בויגן?**

איר קענט אריינשיקן אייער **באשטעטיגונג בויגן** דורך אימעיל אדער עס ברענגען פערזענליך.
אריינצוגעבן אייער באשטעטיגונג בויגן און סיי וועלכע בילדער אדער דאקומענטן:

- דורך אימעיל, שיקט עס צו **infobfscs@health.nyc.gov**. אין די סובדזשעקט ליניע, שרייבט "Proof of Cure – Summons / [Docket number]" (**באווייז פון היילונג** / [דאקעט נומער]).
- פערזענליך, זאלט איר עס ברענגען צו די **ניו יארק** סיטי העלט דעפארטמענט אויף 125 Worth St., Room 1020, New York, NY 10013

אריינגעבן סיי וועלכע פאלשע דערקלערונגען פאר'ן ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט קען צוברענגען צו געלט שטראפן פאר'ן פארלעצן די ניו יארק סיטי העלט קאוד און אנדערע געזעצן וואס גייען אן דערויף.
פאר דאלמעטשינג אדער איבערזעצונג הילף אויף צו פארשטיין פארלעצונג קאודס אדער אויספולן די ריכטיגע בויגנס, ביטע רופט 212-676-1600.